**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/26/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול זאגט אן פאר קאלעדזש קאמפוסן זיך צוצוגרייטן פאר הערבסט סעמעסטער, אנטוויקלען עמערדזשענסי זיכערהייט פלענער**

***אויף א רוף מיט פירערס פון איבער 200 ניו יארק קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן, לייגט דער גאווערנער געוויכט אויף זיכערהייט ערווארטונגען און שטרייכט אונטער הילפסמיטלען אוועילעבל פאר קאמפוס פירערס***

***סטעיט באאמטע ווערן איבערקוקן קאמפוס' עמערדזשענסי פלענער צו פארזיכערן אז אלע סטודענטן קענען זיכערעהייט אנטייל נעמען אין קלאסן***

***בויעט אויף דעם גאווערנער'ס שריט צו האלטן קאמפוסן פריי פון געוואלדטאט, האסע און הארעסמענט***

***בילדער פונעם אווענט ווערן זיין צו באקומען [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט זיך היינט געטראפן מיט פירערס פון איבער 200 קאלעדזש און אוניווערסיטעט קאמפוסן אין ניו יארק סטעיט ווי אויף פובליק זיכערהייט עקספערטן צו פארשטערקערן די וויכטיגקייט פון עמערדזשענסי פלענער איידער די סטודענטן קומען צוריק צו קאמפוס פאר די הערבסט סעמעסטער. מיט שטייגנדע געברויך צו האלטן אן אויג אויף און רעאגירן צו קאמפוס פראטעסטן און מעגליכע דראאונגען צו סטודענט זיכערהייט, האבן זיך גאווערנער האקול, סטעיט פאליציי און דער דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס געטראפן צו שטערקער מאכן ערווארטונגען און פארבינדן קאמפוס פירערס מיט נויטיגע הילפסמיטלען.

"פובליק זיכערהייט איז מיין הויפט פריאריטעט, און ווען קלאסן זעצן פאר, איז זייער וויכטיג אז אלע סטודענטן זאלן שפירן פארזיכערט און זיין פריי פון שאדן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פאריגע פרילינג, האב איך אנגעזאגט פאר קאמפוסן צו איבערקוקן און אפדעיט'ן זייער עמערדזשענסי רעאקציע פלענער, און וויבאלד אנגעצויגנקייט קען זיין הויך ווען מיר הויבן אן די אקאדעמישע יאר, וועל איך ווייטער פארזיכערן אז אלע קאמפוס פירערס און פובליק זיכערהייט באאמטע האבן די הילפסמיטלען וועלכע זיי דארפן צו האלטן סטודענטן פארזיכערט."

אינעם פרילינג פון 2024, האט דער דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) דורכגעפירט איבערזיכטן פון קאמפוס עמערדזשענסי רעאקציע פלענער און דורכגעפירט מערערע טרעינירונג סעסיעס מיט העכערע עדיוקעישאן אינסטיטוציעס איבער ניו יארק סטעיט. דורכאויס דעם זוממער, האט די ניו יארק סטעיט פאליציי געארבעט שטארק צוזאמען מיט קאמפוסן צו פארבעסערן עמערדזשענסי פלאנירונג, און

בלייבט אנטשלאסן צו ארבעטן מיט קאלעדזש קאמפוסן צו פארזיכערן אז ברייטע מאסנאמען זענען אין פלאץ צו באשיצן די שולע קאמיוניטיס.

די טרענירונג סעסיעס זענען געווען איינקלאנג מיט און אינפארמירט דורך די לעצטנס ארויסגעגעבענע קאמפוס פלאנירונג געצייג פושקע פון די אמעריקאנער דעפארטמענט אוו עדיוקעישאן. די געצייג פושקע געבט פאר געזעץ פארסירער, אוניווערסיטעט אדמיניסטראטורן און קאמפוס פירערס מיטלען צו אנהאלטן סיי סטודענט זיכערהייט און ציווילע פרייהייטן אויף קאמפוס, צענטערטרירט אויף בויען שטארקע קאמפוסן, פלאנען פאר קריזיס רעאקציע, אנהאלטן באטייליגונג דורכאויס א קריזיס און אינדיווידועלע און קאמיוניטי ערהוילונג.

די היינטיגע רוף איז גאווערנער האקול'ס לעצטיגע שריט צו אדרעסירן האסע, בייעס און אנטיסעמיטיסם אויף קאמפוס. פאריגע יאר, האט זי געשריבן א בריוו פאר אלע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן אין ניו יארק, איבערזאגנדיג זייער פליכט אונטער ניו יארק סטעיט'ס יומען רעכטן געזעץ און טיטל VI פון די פעדעראלע ציווילע רעכטן אקט צו צושטעלן אן עדיוקעישענאל פלאץ פריי פון האראסמענט און דיסקרימינאציע. די בריוו איז געשיקט געווארן נאך א קאנגרעסיאנאלע הירינג אויף אנטיסעמיטיסם וואו עטליכע אוניווערסיטעט פרעזידענטן האבן נישט אפגערופן אינטיסעמיטיסם און רופן פאר גענאסייד אויף קאלעדזש קאמפוסן קלאר און אן קיין צווייפל.

**דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס ( Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES)**

DHSES זאגט אן פאר קאמפוסן צו נוצן די אפדעיטעד עמערדזשענסי רעאקציע פלענער ( Emergency Response Plans, ERPs) אינאיינעם מיט זייער עמערדזשענסי שריט פלענער ( Emergency Action Plans, EAPs), און האבן א גוטע פארשטאנד איבער זייערע פראטאקאלן איידער די הערבסט 2024 סעמעסטער. DHSES דאמעסטישע טעראר פארמיידונג איינהייט ( Domestic Terrorism Prevention Unit, DTPU) ארבעט אויך צוזאמען מיט CICU צו איבערקוקן די פריוואטע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן צו אפשאצן אויב זיי האבן דראאונג אפשאצונג און מענעדזשמענט גרופעס אדער ענליכע מערערע-שטראפן גרופעס וועלכע פירן דורך ריזיקע, דראאונג און אויפפירונג אפשאצונגען, און ארבעטן צוזאמען צו אנטוויקלען א מענעדזשמענט פלאן פאר די קאמפוס. די איינהייט ארבעט אויך צוזאמען מיט די קאמיסיע אויף זעלבסטשטענדיגע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן צו אידענטיפיצירן און ארבעטן צוזאמען מיט שולעס וועלכע ווילן הילף מיט אנטוויקלען אדער פארבעסערן זייערע גרופעס.

DTPU האט אויך לעצטנס געגעבן דראאונג אפשאצונג באריכטן טרענירונג פאר אסאך קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן אין די SUNY סיסטעם, און זיי וועלן אנהויבן איפנעמען נייע שטאב מיטגלידער צו העלפן דראאונג אפשאצונג און מענעדזשמענט גרופע אנטוויקלונג ביי קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן.

**ניו יארק סטעיט פאליציי (NYSP, New York State Police)**

אין פארגרייטונג צו מעגליכע פראבלעמען און פראטעסטן דורכאויס די הערבסט 2024 סעמעסטער, האט NYSP אנגעזאגט פאר טראופ קאמאנדירן צו באזוכן קאלעדזש אדמיניסטראציע אויף קאמפוסן אונטער זארג איידער די אנהויב פונעם העבסט סעמעסטער. די טראופ קאמאנדירן זענען אנגעזאגט געווארן צו ארומרעדן די קאלעדזש'ס שטעלונג און גאנג פון שריט אין פאל פון פראטעסטן און באקומען א פארשטאנד איבער די קאלעדזש'ס ערווארטונגען פון הילף.

**ניו יארק סטעיט פאליציי סופעראינטענדענט סטיווען דזשי. דזשעימס האט געזאגט,** "די זיכערהייט און שיץ פון אלע ניו יארקער בלייבט אונזער הויפט פריאריטעט און מיר וועלן נישט פארנעמען קיין מענטשן וועלכע באגייען די האסע פארברעכן, שריט פון גוואלטאט און האראסמענט אין אונזערע קאמיוניטיס. קיין שום סטודענט זאל זיך קיינמאל נישט שפירן באטראפן אין זייער פלאץ פון עדיוקעישאן

און צוזאמען, מיט אונזער מיטארבעטער אין געזעץ פארסירונג, ארבעטן מיר צו פארזיכערן אז אלע מענטשן פון יעדע הונטערגרינד זענען באשיצט אויף קאלעדזש קאמפוסן. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר געטריישאפט צו פובליק זיכערהייט און פאר'ן מאכן זיכער אז הילפסמיטלען זענען גרייט כדי צו לייגן צום ערשט דאס וואוילזיין פון אלע ניו יארקער."

**SUNY טשאנסעלאר דזשאן בי. קינג דזשוניאר האט געזאגט,** "ביי SUNY, איז זיכערהייט דאס וויכטיגסטע און מיר זענען געווען און בלייבט שטארק אנטשלאסן צו פארזיכערן זיכערהייט, ציווילע דיסקאורס, און איינשליסיגקייט אויף אונזערע קאמפוסן. מיר שטייען צוזאמען מיט גאווערנער האקול אויף אפשאלגן אנטיסעמיטיסם, איסלאמאפאביע, און פיינטשאפט און דערנידערונג אויף סיי וועלכע פארנעם."

**CUNY טשאנסעלאר פעליקס ווי. מאטאס ראדריגעז האט געזאגט,** "CUNY ארבעט אין נאנטע געשפרעך מיט גאווערנער האקול צו צושטעלן א קלימאט אין וועלכע יעדע סטודענט שפירט פארזיכערט, געשעצט און פארזיכערט פון זייער רעכט צו אנטיילנעמען אין קלאסן אין אן אומגעגנט וואס איז פריי פון געוואלדטאט, האראסמענט און דיסקרימינאציע פון סיי וועלכע סארט. מיר זענען פרייליך צו אריינשפרינגען אין א פראדוקטיווע שולע יאר אויף אלע 25 CUNY'ס קאמפוסן, און מיר באדאנקען די גאווערנער פאר איר פירערשאפט מיט מאכן א פריאריטעט פון דאס זיכערהייט און וואוילזיין פון יעדע קאלעדזש סטודענט אין ניו יארק סטעיט."

**CICU פרעזידענט לאלע וו. בראבהאם האט געזאגט,** "די זעלבסטשטענדיגע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן פון ניו יארק סטעיט בלייבן אנטשלאסן צו פארזיכערן אז אינדיווידועלע סטודענט און קאמפוס זיכערהייט איז א הויפט פריאריטעט פאר די קומענדיגע אקאדעמישע יאר. מיר זענען געבענטשט אז גאווערנער האקול האט געפארעמט שטארקע מיטארבעט אין ניו יארק'ס העכערע עדיוקעישאן קאמיוניטי און בלייבט פארמישט אין באשיצן סטודענטן און קאמפוסן איבער א גאר ברייטע סצענע. זיכערהייט איז אלעמאל דאס וויכטיגסטע אין די מח פון אונזערע מיטגליד אינסטיטוציעס, און מיט די גאווערנער'ס פירערשאפט, וועט די זעלבסטשטענדיגע באפעלקערונג ווייטער פארזעצן צו נאכקומען די טוישנדע געברויכן פון אונזערע פארשידנארטיגע קאמפוס קאמיוניטיס און געבן די מאכט פאר פאקולטי, איינגעשטעלטע און סטודענטן צו מאכן אינפארמירטע זיכערהייט באשלוסן."

**אסאסיאציע פון פריוואטע קאלעדזשעס פרעזידענט דאנע סטעלינג גורנעט האט געזאגט,** "קאמפוס זיכערהייט איז גאר וויכטיג אין צייט וואס סטודענטן און פאקולטי קערט זיך צוריק צו קאמפוס דעם הערבסט. אסאסיאציע פון פריוואטע קאלעדזשעס (Association of Private Colleges, APC) און אונזער מיטגליד אינסטיטוציעס וועלן ארבעטן מיט גאווערנער האקול, DHSES, און לאקאלע געזעץ פארסירער צו האלטן קאמפוסן פריי פון האסע און געוואלדטאט. מיר נעמען אויף די געלעגנהייט צו אנטייל נעמען אין פלאנירן און אפלאדירן די סטעיט'ס פירערשאפט צו האלטן סטודענטן, איינגעשטעלטע, און פאקולטי פארזיכערט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן